# דער פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
רבי אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

שמות

מכון
באר האמונה

יו"ל ע"י

**מכון 'באר האמונה'**

זיך איינצושרייבען צו באקומען די גיליון

ווענכטליך אויף אימייל און פאר הערות

אין הארות מעלדט אייך צו:

אימייל: Mail@derparshakval.com

טלפון: 1347-871-8285

**לשמיעת השיעורים בקול הלשון: 718-906-6444**

©

**כל הזכויות שמורות למו"ל**

# אינהאלט

## שמות


פן ירבה - דערוווייטערן פון זיך אַלע סיפקות אין אמונה........................................ א

ויסתר משה פניו - די צרה איז בלויז אַ הכנה צו די גוטס וואָס גייט קומען.............................. ו

ואנכי אהי׳ עם פיך - דער אויבערשטער פירט אַלעס און קיינער קען דיר גאָרנישט שלעכטס טוען.............. ט

גלות מצרים - גענוי ווי אין מצרים, זענען מיר היינט צוטאָגס אין גלות היצר............................ יא

כן ירבה וכן יפרוץ - דער כח פון אַ גוטע קבלה......................................... יב

# שמות

**פן ירבה - דערווייטערן פון זיך אַלע סיפּקות אין אמונה**

**הבה** נתחכמה לו פן ירבה וגו' וכאשר יענו אותו כן ירבה וכן יפרוץ (א, י-יב). זאָגט רש"י, "רוח הקודש אומרת כן, אתם אומרים פן ירבה, ואני אומר כן ירבה".

**האָט** געזאָגט דער וויזשניצער רבי, הרה"ק בעל "אמרי חיים" זי"ע, און אַזוי טייטשט אויך זיין ברודער, הרה"ק רבי מענדעלע ווישעווער זי"ע, אין זיין ספר "שארית מנחם", (פ' בראשית, עה"פ "ויהי כן", עיי"ש), פּרעה איז מרמז אויפ'ן יצר הרע. דער יצר הרע זאָגט "פן ירבה", לאָמיר פאַרמערן אין די הערצער פון אידישע קינדער דעם "פן" - ספיקות און קשיות אין אמונה, ווייל ווען דער מענטש האָט ספיקות, בייגט ער זיך אָפּ פון די אמת'ע אמונה[א]. אָבער "רוח הקודש אומרת" - דער אויבערשטער זאָגט: "כן" ירבה. זאָל זיך מער ביי אידן אַ זיכערקייט ("כן") אין אמונה[ב]. זיי זאָלן גלייבן אין דעם אויבערשטען, אָן קיין שום ספיקות ח"ו[ג].

**מ'קען** אָפּט מאָל הערן ווי מענטשן דריקן זיך אויס מיט אַ פחד, "וואָס וועט דא זיין... וואָס וועט זיין מיט פרנסה... וואָס וועט זיין מיט יענעם שידוך", און אַזוי אויך אין ענינים פון רפואה. דאַרף מען געדענקען,

---

**א.** דער "חובות הלבבות" (שער יחוד המעשה, פ"ה) שרייבט: "איינע פון די שטערקסטע שליחים פונעם יצר הרע, איז אַריינצוברענגען ספיקות אינעם מענטש, איבער די אמת'ע אמונה. און צו צעמישן אַלעס וואָס עס איז דיר שוין קלאָר, און צו צעטומלען דיין נפש, מיט פאַלשע מחשבות און טענות".

עס ווערט געברענגט אין ספרים, אין נאָמען פונעם אריז"ל ("שער הכוונות", יוה"כ, ועוד), אַז ו'יברך ד'וד א'ת ה' ראשי תיבות "ודאי". "ודאי" איז אַ הייליגער שם. "ודאי שמו כן תהלתו", ווייל מיר דאַרפן גלייבן אין דעם באַשעפער מיט אַ זיכערקייט.

**ב.** הרה"ק השר שלום מבעלזא זי"ע האָט געטייטשט דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (א, ז) "ובני ישראל פרו וישרצו וירבו ויעצמו במאד מאד", לויט ווי די חז"ל זאָגן (ברכות נד.), אויפ'ן פסוק (דברים ו, ה) "ואהבת את ה' אלקיך וגו' ובכל מאדך", "בכל מדה ומדה שהוא מודד לך, הוי מודה לו במאד מאד". דאָס איז דער פסוק דאָ מרמז: "וירבו ויעצמו במאד מאד", טראָץ דעם שווערן שיעבוד און די שרעקליכע צרות וואָס אידן האָבן מיטגעמאַכט אין גלות מצרים, האָבן זיי זיך געהאַלטן ביי די אמונה, אַז אַלעס איז פון דעם אויבערשטען. ער איז דער "מודד לך" - וואָס מעסט אָפּ אַלעס פאַר דיר, מיט אַ גענויען חשבון, און ממילא, האָבן זיי געדאַנקט דעם אויבערשטען "במאד מאד".

**ג.** דער "אמרי חיים" זי"ע האט דאס געזאָגט אין יאָר תש"ו, ווען ער האָט געהאַט אַ ישיבה אין גראָסוואַרדיין.

אַמאָל איז דער "אמרי חיים" אַריינגעקומען אין ישיבה, און באַמערקט עטליכע תלמידים שמועסן צווישן זיך, וועגן די פאַסירונגען פון די ביטערע מלחמה וואָס זיי האָבן ערשט אַדורכגעלעבט. ווען דער רבי האָט זיי געפרעגט וועגן וואָס זיי שמועסן, האָבן די בחורים לכתחילה נישט געענטפערט, אויס מורא פאַר'ן רבי'ן. האָט דער רבי זיך אָנגערופן:

- מיר געפינען אַ סאַך מאָל אין די גמרא (עי' שבת קכא:) מאן נימא דמתרצתא היא, דילמא משבשתא היא. "מאן" איז ראשי תיבות א'ל מ'לך נ'אמן - אמונה אין דעם אויבערשטען. "מאן" נימא, דער מענטש וואָס זאָגט ("נימא" איז טייטש זאָגן) שטענדיג אַז דער אויבערשטער איז דער "א'ל מ'לך נ'אמן", אַזאַ איינער איז אַ "פאַרענטפערטער מענטש" - מתרצתא היא... ער האָט אַ תירוץ אויף יעדע זאַך וואָס פאַסירט מיט איהם, ווייל ער ווייסט אַז אַלעס איז פון דעם אויבערשטען. "דילמא" - אָבער דער מענטש וואָס איז שטענדיג פול מיט ספיקות ("דילמא", איז טייטשט "טאָמער"), אַז אפשר האָט איין מענטש איהם געטוהן אַזוי, יענער האָט זיך געפירט מיט איהם פאַרקערט, און אויב ער וואָלט זיך געפירט אַנדערש, וואָלט ער נישט געהאַט יסורים. אַזאַ איינער איז "משבשתא" - פאַרגרייזט, ווייל זיין גאַנץ לעבן איז פול מיט "גרייזן". ער פאַרשטייט נישט פאַרוואָס עס פאַסירן מיט איהם די אַלע געשעענישן.

הרה"ק רבי משה קאָברינער זי"ע האָט געזאָגט ("תורת אבות", שבת, אות קמא) "אל אדון על כל המעשים", איז דער תירוץ אויף אַלע קשיות. אפי' אויב דער מענטש איז פול מיט קשיות איבער זיין מצב, זאָל ער זיך שטאַרקן און זיך פאַרלאָזן אַז אַלעס איז פון דעם באַשעפער, פאַר זיין טובה וועגן.

אַז די בעסטע רפואה פאַר אלעם איז אמונה פשוטה[ד], אָן קיין ספיקות און חששות. דאַן ווערט מקוים "אשריך בעולם הזה, וטוב לך לעולם הבא".

**אַזוי** האָבן צדיקים געטייטשט ("ספרן של צדיקים", בשם הרה"ק רבי ירחמיאל מפשיסחא זי"ע, בן היהודי הקדוש זי"ע), דעם פסוק (דברים כט, יז) "פן יש בכם שורש פורה ראש ולענה". "פן" - די ספיקות וואָס עגבערן אין מח פון אַ מענטש ווייל ער האָט נישט אַ קלאָרע אמונה אין האַרץ, זענען דער "שורש פורה ראש ולענה" - דער שורש פון אַלע צרות ל"ע ברוחניות ובגשמיות.

**פון** דער צווייטער זייט, "מדה טובה מרובה". אמת'ע אמונה אין דעם אויבערשטען איז דער שורש פון אַלע גוטע השפעות אויף דער וועלט[ה].

---

אַ איד האָט זיך אַמאָל באַקלאָגט פאַר הרה"ק בעל "יסוד העבודה" זי"ע, אַז ער האָט קשיות אין אמונה. האָט דער "יסוד העבודה" איהם געזאָגט:

- דו ביזט נישט דער ערשטער מענטש וואָס פרעגט קשיות אויף דעם אויבערשטען. פרעה האָט זיך שוין געפעדערט און געפרעגט (פרשתינו, ה, ב) "מי ה' אשר אשמע בקולו". ווער איז דער אויבערשטער וואָס איך דאַרף איהם פאָלגן, און אַזוי ווייטער. וואָס איז געווען דער סוף פון פרעה הרשע? אויף יעדע קשיא וואָס ער האָט געפרעגט, האָט ער באַקומען פון דעם אויבערשטען אַ מכה. דעמאָלטס האָט ער שוין מער נישט געפרעגט מיט שפּאָט, "מי ה'...".

עס ווערט געברענגט אַ מורא'דיגע מעשה ("משנה שכיר", אבות פ"ו, בשם ספר "קבלת שבת", עיי"ש שכתב כן בשם "ספר אחד"), דער רמב"ן ז"ל איז אַמאָל געגאַנגען אויף אַ ביקור חולים צו זיינס אַ תלמיד, וואָס איז געווען זייער נישט געזונט ל"ע. זעהענדיג דעם ערנסטן מצב פון זיין תלמיד, האָט דער רמב"ן איהם געזאָגט:

- אויפ'ן עולם העליון, געפינט זיך אַ הייליגער היכל, וואָס ווערט גערופן 'כסאות למשפט'. דאָרט געפינט זיך די הייליגע שכינה. נעם די דאָזיגע 'קמיע' וואָס איך גיב דיר, דו זאָלסט גיין דערמיט צו אַלע מלאכים וואָס דינען אַלס ממונים אין הימל, און בעטן פון זיי אַז זיי זאָלן דיך פירן צום היכל "כסאות למשפט". ווען דו וועסט אָנקומען צום דעם היכל, זאָלסטו פרעגן דעם באַשעפער אַ סאַך האַרבע שאלות, וואָס איך האָב אויף דעם אויבערשטען'ס הנהגה כביכול מיט אידישע קינדער, און אויך זאָלסטו פרעגן פאַרוואָס מ'האָט דיך אַוועקגענומען פון דער וועלט אין אַזאַ יונגען עלטער.

איינמאָל ווען דער רמב"ן ז"ל איז געזעסן און געלערנט נעבן דעם פענצטער פון זיין הויז, האָט דאָס פענצטער זיך פלוצלינג געעפענט, און עס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר איהם זיין תלמיד, און איהם געזאָגט:

- ווען איך בין אַרויפגעקומען אין הימל, האב איך געטוהן אזוי וואו דער רבי האט מיך באפוילן, און איבעראל וואו איך האָב געוויזן דאָס צעטל וואָס דער רבי האָט מיר געגעבן, האָט מען מיך אַדורכגעלאָזט, און אַזוי בין איך געגאַנגען העכער און העכער, ביז איך בין אָנגעקומען צו דעם היכל "כסאות למשפט", אָבער וואָס קען איך טוהן אַז ווען איך האָב געוואָלט פרעגן די שאלות וואָס דער רבי האָט מיך באַפוילן צו פרעגן, איז מיר גאָרנישט שווער געווען. איך האָב נישט געהאַט וואָס צו פרעגן, ווייל אויפ'ן עולם העליון זעהט מען דעם אמת, אַז עס זענען נישט דאָ קיין קשיות, און אַז דער אויבערשטער פירט אַלעס "בצדק ובמשפט, בחסד וברחמים".

**ד.** מ'דאַרף זעהן נישט צו זיין "צו-קלוג", און זיך איינרעדן אַז מ'פאַרשטייט די דרכים פונעם באַשעפער.

אַ איד האָט אַמאָל געפרעגט דעם אַלטן גערער רבי'ן, הרה"ק בעל "אמרי אמת" זי"ע, וועגן אַ בחור וואָס מ'האָט אָנגעטראָגן אַלס חתן פאַר זיין טאָכטער. האָט דער "אמרי אמת" געענטפערט: "דער בחור איז דאָך אַ פיקח...".

וויבאַלד דער איד האָט נישט פאַרשטאַנען די כוונה פונעם רבי'נס ווערטער, איז ער געגאַנגען צום רבי'נס ברודער, הרה"ק רבי משה בצלאל זצ"ל הי"ד, ער זאָל איהם געבן צו פאַרשטיין דעם רבי'נס ענטפער, אַז דער בחור וואָס מ'האָט אָנגעטראָגן פאַר זיין טאָכטער, איז אַ "פיקח". האָט רבי משה בצלאל איהם געענטפערט:

- דער פסוק זאָגט (פרשתינו ד, יא) "ויאמר ה' אליו, מי שם פה לאדם או מי ישים אלם או חרש או פיקח או עור" וגו'. זעהען מיר אַז דער אויבערשטער האָט געשטעלט דעם "פיקח" צווישן די בעלי מומין... דאָס האָט דער רבי געמיינט ווען ער האָט געזאָגט, אַז יענער בחור איז אַ "פיקח"... איינער וואָס איז "צו-קלוג" (וואָס מ'רופט היינט אַן "אויבער-חכם), איז אַ "בעל מום", און דו זאָלסט דעריבער נישט טוהן דעם שידוך...

**ה.** מיר האָבן געהערט פון אַ חשוב'ן רב, אויף די ווערטער פון רש"י ז"ל (שמות יח, ט) "ויחד יתרו - וישמח יתרו, זהו פשוטו". דער פשוט'ער טייטש פון וואָרט "ויחד" איז, אַז ער האָט זיך געפרייט. "ומדרש אגדה, נעשה בשרו

חדודין חדודין" - זיין פלייש איז געוואָרן ציטערדיג. האָט דער רב געזאָגט, דער מענטש וואָס גלייבט מיט אמונה פשוטה ("זהו פשוטו"), איז שטענדיג בשמחה ("וישמח יתרו"). אָבער ווען מ'הייבט אָן מיט "מדרש" - מ'זאָגט "פשט'לעך" אין אמונה, ווערט עס "חדודין חדודין - עס "שטעכט" ח"ו פון אַלע זייטן.

דער "אלשיך" הקדוש זי"ע, האָט אַמאָל געהאַלטן אַ דרשה וועגן די מדה פון בטחון. צווישן אַנדערע, האָט ער געזאָגט, אַז כאָטש דער אויבערשטער האָט אַוועקגעשטעלט דעם סדר פון דער וועלט אַז מ'דאַרף טוהן השתדלות פאַר פרנסה, איז אָבער דער חיוב פון השתדלות לויט וויפיל בטחון דער מענטש פאַרמאָגט. דער מענטש וואָס האָט בטחון אויף אַ גאָר שטאַרקן אופן, האָט פרנסה, אפילו אויב ער טוט נישט קיין השתדלות פאַר פרנסה.

אַ פשוט'ער איד, וועלכער האָט שווער געאַרבעט אויף פרנסה, און איז געווען אָנוועזענד ביי די דרשה פונעם "אלשיך" הקדוש, און הערנדיג פונעם "אלשיך" אַז אויב מ'האָט בטחון באמת, דאַרף מען נישט טוהן השתדלות פאַר פרנסה, איז ער שטאַרק נתעורר געוואָרן דערפון, און ער האָט באַשלאָסן אָפּצולאָזן אַלע זיינע געשעפטן און השתדלות'ן, און זעצן זיך על התורה ועל העבודה, לערנען און דאַווענען, זאָגן תהלים און "מעמדות" א.א.וו., ווייל דער אויבערשטער וועט איהם שוין סיי-ווי געבן פרנסה.

זעהענדיג אַז ער גייט נישט צו די אַרבעט, האָבן זיינע בני בית פּרובירט אָפּצורעדן איהם דערפון, אָבער אָן ערפאָלג. ער האָט פאַרקויפט דאָס אייזל וואָס ער האָט גענוצט צו פירן זיינע פּעק, צו אַ גוי וואָס האָט געגראָבן היילן. און מיט די געלט וואָס ער האָט באַקומען פונעם גוי פאַר'ן אייזל, האָט דער איד דערווייל געשפייזט זיינע בני בית. ווען עס האָט זיך אויסגעלאָזט דאָס געלט האָט זיינע בני בית זיך געבעטן ביי איהם ער זאָל אַרויסגיין אַרבעטן און ברענגען פרנסה. ער האָט איר אָבער געזאָגט: "מבטחי בה' אלקי" - איך פאַרלאָז זיך אויפ'ן אויבערשטען.

אין אַ געוויסן טאָג, ווען דער גוי איז געגאַנגען מיט'ן אייזל צו די אַרבעט, האָט ער, גראָבנדיג אין אַ הייל, געפונען אַ ריזיגן אוצר פון טייערע בריליאַנטן-שטיינער. ער האָט אַרויפגעלייגט די שטיינער אויף זיין אייזל, און איז נאָך אַמאָל אַריינגעגאַנגען אין די הייל, כדי צו זעהן אויב עס איז נאָך פאַרבליבן אין די הייל עפּעס פונעם גרויסן אוצר. פּלוצלינג, איז די גאַנצע הייל אַרויפגעפאַלן אויפ'ן גוי, און ער איז דאָרט געבליבן ליגן אַ טויטער אונטער די חורבות...

דאָס אייזל האָט דערווייל געוואַרט אינדרויסן אויף דעם גוי, זיין נייעם "באַלעבאָס", און זעהענדיג אַז דער גוי איז נישט צוריקגעקומען, איז ער צוריקגעגאַנגען אין שטאָט אַריין מיט'ן גאַנצן אוצר פון טייערע בריליאַנטן און דיאַמאַנטן-שטיינער, און נישט קענענדיג דעם אַדרעס פונעם גוי, איז ער געגאַנגען צו הויז פון זיין אַלטן באַלעבאָס, דעם איד, דארט ער איז געווען געוואוינט צו גיין יעדן טאָג, לאַנגע יאָרן... ווי ערשטוינט איז דער איד און זיינע בני בית געווען צו זעהן זייער אַלטן אייזל מיט די טייערע בריליאַנטן... ער איז רייך געוואָרן, און ער און זיינע קינדער און קינדס-קינדער, האָבן זיך געשפייזט פון דעם אוצר, אַלע יאָרן אויף דער וועלט.

ווען די תלמידים פונעם "אלשיך" האָבן געהערט וואָס עס האָט פאַסירט מיט דעם פשוט'ן איד, אַז ער איז רייך געוואָרן אַדאַנק זיין בטחון, האָבן זיי געפרעגט זייער רבי'ן, דעם "אלשיך": "מיר זענען שוין עוסק אַזוי פיל יאָרן מיט די 'סוגיא' פון בטחון. מיר האָבן אָבער קיינמאָל נישט זוכה געווען צו אַזאַ שפע פון הימל, און אָט דער פשוט'ער איד, וויבאַלד ער האָט בלויז אָנגעהויבן זיך צו פאַרלאָזן אויפ'ן באַשעפער, איז ער שוין געוואָרן אַזוי רייך?!".

האָט דער "אלשיך" הקדוש זיי געענטפערט מיט'ן פאָלגענדן משל: אַ טשוואָק, וואָס איז אַריינגעהאַקט אין האַרטע ערד, קען עס קיין ווינט אויף דער וועלט נישט אויסרייסן פון דאָרט. מה שאין כן, אַ טשוואָק וואָס מ'האַקט אַריין אין ווייכע ערד, קען יעדער "רוח מצויה" עס אוועקריקן פון אָרט. דער נמשל איז: ביי ענק תלמידים, איז דער ענין פון אמונה, אַזוי ווי 'ווייכע ערד', דאָס הייסט, כאָטש איר גלייבט און איר פאַרזיכערט זיך מיט אַ שטאַרקע אמונה אין דעם אויבערשטען, אָבער וויבאַלד איר זענט 'גרויסע לייט', און 'כל הגדול מחבירו יצרו גדול הימנו' (סוכה נב.), רוהט נישט דער יצר הרע, ביז ער באַוויזט אַריינצוברענגען אין ענקערע הערצער קשיות אין דעם ענין פון בטחון, און כאָטש ענק שטאַרקן זיך תיכף אָפּצוטוהן פון זיך אַלע קשיות, אָבער אויך דער יצר הרע קומט צוריק מיט זיינע קשיות... אַזוי איז עס ווי אַ רעדל וואָס דרייט זיך כסדר. אָבער די אַלע ספיקות, כאָטש אפילו ענק שטאַרקן זיך שפּעטער, פאַרוואַנדלען אָבער ענקער אמונה אין 'ווייכע ערד', און האַלטן צוריק פון ענק דאָס גאַנצע רייכטום. מה שאין כן דער פשוט'ער מענטש, וועלכער האָט באַקומען בטחון אויף אַ שטאַרקן אופן, אָן "חכמות", און אָן "פשטעלעך", ווייל ער גלייבט אַז דער באַשעפער שפּייזט אַלעמען, "כפשוטו וכמשמעו" - אויך דעם מענטש...

**מ'דאַרף** וויסן אַז דאָס איז די קליפּה פון 'עמלק', וואָס די תורה האָט אָנגעזאָגט יעדן איד: "זכור את אשר עשה לך עמלק וגו' אשר קרך בדרך" וגו' (דברים כה, יז). עס איז איינע פון די זעקס 'זכירות', וואָס מיר דאַרפן דערמאנען יעדן טאָג.

**עס** איז באַקאַנט וואָס צדיקים האָבן געזאָגט, אַז די קליפּה פון 'עמלק' באַמיט זיך אַריינצוברענגען ספיקות ח"ו אין אמונה אין אידישע הערצער, ווי עס איז מרומז אין זיין נאָמען: "עמלק" בגימטריא 240, אַזוי ווי דאָס וואָרט "ספק". אויב ער באַוויזט אַריינצוברענגען

---

האָט ער ממשיך געווען אויף זיך אַ גרויסע שפע מיט עשירות, ווייל זיין אמונה איז געווען ווי "אַריינגעשטעקט" אין "האַרטע ערד", אָן די מעגליכקייט פאַר'ן שטאַרקסטן "ווינט", צו 'רירן' עס פון אָרט. וועגן דעם האָט ער באַקומען אַזאַ עשירות ביי זיך אינדערהיים ממש, אָן קיין שום טירחא.

בכלל, איז באַקאַנט, אַז אַ סאַך צדיקים האָבן זיך געפירט נישט צו טוהן צופיל השתדלות ביי קיין שום זאַך אין דער וועלט. זיי פלעגן זאָגן: מ'דאַרף זיך לאָזן פירן (פון באַשעפער).

אַזוי ווערט געברענגט ("אמרי הרי"ם", פ' שלח, בהערות) אַז הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע האָט אַמאָל געזאָגט: דאָס איז נישט אונזער דרך... מיר גייען נאָכ'ן רצון פון באַשעפער, ווי שאָף גייען נאָך זייער פאַסטוך.

אַזוי זאָגן די ספרים, אַ רמז אויף דעם מנהג וואָס איז איינגעפירט ביי יעדע אידישע חופּה, אַז די מחותנים פירן אונטער דעם חתן פון ביידע זייטן. דאָס טוט מען, כדי מרמז צו זיין פאַר'ן חתן ווען ער גייט בויען אַ אידישע שטוב, אַז ער זאָל וויסן אַז מ'גייט קיינמאָל נישט "אַליין"... נאָר מ'דאַרף 'זיך לאָזן פירן' פון הימל, און אַזוי האָט מען הצלחה און סייעתא דשמיא אין לעבן.

פאַרשטייט זיך אז מ'דאַרף מתפלל זיין צום באַשעפער אַז אַלעס זאָל זיך שטענדיג פירן אויפ'ן דרך הישר והטוב.

אין שאלות ותשובות "כנפי שחר" (סי' ל"ז, ד"ה "הדברים האלה") ברענגט דער מחבר (הגאון רבי דוב בער אייזענשטאַט זצ"ל אבד"ק לעכאוויטש) אַ מורא'דיג וואָרט פון זיין פעטער, הרה"ק רבי יחיאל זי"ע פון מוש, אַז אַמאָל פרייטאָג צו נאַכטס, ווען ער איז אַהיימגעקומען פון שול כדי קידוש צו מאַכן און זיך וואַשן צו סעודת חקל תפוחין קדישין, האָט ער זיך געוואָלט אָנוואַרימען פון די גרויסע קעלט וואָס האָט געהערשט אינדרויסן, און ער איז אַרויפגעגאַנגען אויף אַ קליינע באַנק וואָס איז געשטאַנען נעבן דעם אויוון, כדי אָנצוואַרימען זיינע הענט. פּלוצלינג האָט די באַנק זיך איבערגעדרייט, ער איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד און צובראָכן די האַנט רח"ל (זינט דאַן ביז זיין לעצטן טאָג, האָט רבי יחיאל געליטן פון גרויסע יסורים רח"ל).

שפּעטער האָבן די אַרומיגע געהערט ווי ער זאָגט דעם פסוק (תהלים כג, ב) "בנאות דשא ירביצני על מי מנוחות ינהלני", און ער האָט זיי מסביר געווען זיין כוונה: אַ מענטש וואָס פאָרט אַרויס איבער'ן ים מיט אַ קליין שיפל וואָס וואַרפט זיך פון יעדן "רוח מצויה", אָדער ווען דער מענטש שטייט אויף אַ וואַקלדיגע בריק, בעט ער אַוודאי דעם אויבערשטען יעדע מינוט אַז ער זאָל געזונטערהייט אַהיימקומען בשלום. אָבער ווען דער מענטש איז "בנאות דשא", עס זעהט איהם אויס אַז ער דאַרף נישט דעם "פאַסטוך", אָדער "על מי מנוחות", אַ קליינער ים וואָס איז קיינמאָל נישט געווען שטורמיש און האָט נישט קיין גרויסע כוואַליעס, וואָס עס דאַכט זיך פאַר'ן מענטש אַז ער דאַרף דאָרט נישט האָבן קיין באַזונדערע נסים ונפלאות ער זאָל אָנקומען בשלום, בעט ער נישט. כדי מ'זאָל נישט טראַכטן אַזוי, זאָגט דוד המלך ע"ה: "בנאות דשא ירביצני, על מי מנוחות ינהלני" - אין יעדן מצב וואָס איך געפין זיך, בעט איך דעם אויבערשטען ער זאָל מיך אָפּהיטן מכל פגע ומחלה ומכל צרה ועקתא.

און רבי יחיאל מושער האָט אויסגעפירט: ווער האָט דען געטראַכט אַז ווען מ'גייט אַרויף אויף אַ קליין נידעריג בענקל, אַז עס איז גאָר אַ סכנה און מ'קען פאַלן און זיך צוברעכן אַ האַנט חלילה... נאָר פון דאָ זעהט מען ווי ווייט מ'דאַרף כסדר בעטן דעם אויבערשטען מ'זאָל ווערן אָפּגעהיטן אויף יעדן טריט און שריט, ע"כ.

הרה"ק רבי רפאל בערשידער זי"ע האָט געזאָגט, אַז דער מענטש וואָס האָט נישט גענוג בטחון, זאָל זיך שטאַרקן מיט בטחון אז דער באַשעפער וועט ערפילן זיין פאַרלאַנג כאָטש ער איז נישט אַ בעל בטחון...!

ענדליך האָט געזאָגט הרה"ק מסאטמאר זי"ע, צו אַ איד וואָס האָט זיך אָפּגערעדט פאַר איהם אַז ער איז נישט אַ "בעל בטחון": אויף דעם אַליין דאַרפסטו אויך האָבן בטחון אין דעם אויבערשטען, אַז ער וועט דיר העלפן האָבן בטחון...

ספיקות אין אמונה, פירט עס ממילא צו "אשר קרך", מלשון "מקרה" (אַ צופאַל), דער מענטש זאָל מיינען, אַז עס האָט זיך געטראָפן נאָר דורך אַ "צופאַל", און נישט אַז דער אויבערשטער האָט עס געמאַכט מיט אַ השגחה פרטית, וואָס דער אויבערשטער פירט יעדע זאַך אין דער וועלט. דער מענטש קען נישט אָנרירן אין דעם וואָס עס איז צוגעגרייט געוואָרן פאַר זיין חבר, אויב מ'האָט עס נישט בפירוש אויסגערופן פריער אין הימל. יעדע פרוטה פונעם מענטש ווערט באַשטימט ראש השנה, און דער מענטש קען נישט פאַרדינען אָדער שאָדן האָבן אַפילו אַ פּרוטה אויב עס איז נישט אפגעשריבן געוואָרן אין הימל[ו].

אַפילו אויב עס זעהט אויס אין די אויגן פונעם מענטש אַז די ישועה איז נאָך ווייט ח"ו, דאַרף ער זיך שטאַרקן מיט אמונה[ז].

אַזוי טייטשן די ספרים, דעם פּסוק אין דער היינטיגער סדרה (ב, ד) "ותתצב אחותו מרחוק". דער פּסוק לויבט מרים הנביאה, אַז אפי' ווען עס האָט איר אויסגעזעהן ווי אַ הסתר פּנים ח"ו ("מרחוק" - מ'האָט אַלעס געזעהן "פונדערווייטנס", ווייל מ'האָט געדאַרפט באַהאַלטן משה רבינו ע"ה), פונדעסטוועגן, "ותתצב" - איז זי געשטאַנען פעסט מיט אַ שטאַרקע אמונה אַז דער אויבערשטער געפינט זיך מיט איר, אפילו ווען עס זעהט איר אויס ווי אַ

**ו.** עטליכע וואָכן צוריק, האָט פּאַסירט די פאָלגענדע מעשה: אַ גרויסער מוסד האָט געמאַכט אַ גרויסן אַפּיעל, און יעדער וואָס האָט בייגעשטייערט אַ געוויסן סכום פאַר'ן מוסד, איז אַריינגעגאַנגען אין אַ גורל אויף אַ שיינעם סכום. צום באַשטימטן טאָג, איז דער גורל אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין די אָנוועזנהייט פון די מנהלים פונעם מוסד, אונטער די אויפזיכט פון אַ דיין וואָס האָט געזעהן אַז אַלעס זאָל זיין כשורה. אַלזאָ, איינער האָט געוואונען, אָבער נאָכ'ן פאַרשן די זאַך, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דער געווינער האָט נישט באַצאָלט פאַר זיין גורל מיט מזומנים, נאָר מיט אַ "קרעדיט קאַרד", וואָס איז נישט אַדורכגעגאַנגען, ווייל די "קרעדיט קאַרד" פירמע האָט נישט באַשטעטיגט דאָס קאַרטל... אַזוי אַז יענער האָט בכלל נישט געגעבן דאָס געלט פאַר'ן מוסד. ער האָט געהאַט נישט מער ווי אַ "מחשבה טובה"...

ווען מ'האָט געפרעגט דעם דיין, אויב יענער האָט געוואונען דעם גורל אָדער נישט, האָט דער דיין געזאָגט, מ'זאָל פרעגן דעם איד, אויב ער וויל נאָך יעצט ביישטייערן מיט אַן אַנדערן "קרעדיט קאַרד", איז גוט, און מ'זאָל איהם תיכף זאָגן אַז ער האָט געוואונען דעם "לאָטאָ"... אַלזאָ, מ'האָט זיך פאַרבונדן מיט דעם איד, און מ'האָט איהם דערציילט אַז זיין "קרעדיט קאַרד" - מיט וואס ער האט געקויפט דעם ראפעל - עטליכע וואָכן צוריק, איז נישט אַדורכגעגאַנגען, און דעריבער וויל מען וויסן צו ער וויל זיי געבן אַן אַנדערן "קרעדיט קאַרד".

דער איד, איז אָבער אינצווישן שוין געוואָרן "אָפּגעקילט" פונעם גאַנצן "אַפּיעל", און ער האָט געענטפערט קאַלט און רואיג: "נו, אַז ס'איז נישט אַדורכגעגאַנגען דעמאָלטס, איז נישט... זאָל זיין אַזוי, איך בין שוין יעצט נישט אינטערעסירט ביישטייערן...", און ער האָט אַראָפּגעלייגט דעם טעלעפאָן, זייענדיג זיכער אַז די הנהלה פונעם מוסד האָט געוואָלט "נעמען" פון איהם, און ער האָט באַוויזן זיך אַרויסצודרייען פון צו דאַרפן "געבן"... ער האָט געטראַכט ביי זיך, נו, כ'האָב כאָטש אַזוי פיל "פאַרדינט", אַז כ'האָב זיך אַרויסגעדרייט פון געבן... ס'איז איהם גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז די הנהלה פונעם מוסד האָט איהם געוואָלט "געבן", און נישט "נעמען" פון איהם, און ער האָט שוין איינמאָל שאָדן געהאַט דאָ אַ שיינע סומע געלט...

דאָס איז באמת אַ מוסר השכל אויפ'ן גאַנצן לעבן פון מענטש. עס דאַכט זיך אָפּט מאָל פאַר'ן מענטש, אַז מען "נעמט" פון איהם, און אַז פון הימל וויל מען איהם מאַכן "שאָדן", אָבער באמת זענען אַלע "שאָדנס" נאָר פאַר זיין טובה וועגן, כדי ער זאָל אַזוי אַרום באַקומען אַ סאַך מער מתנות...

**ז.** הרה"ק רבי משה קאָברינער זי"ע האָט געזאָגט ("תורת אבות", אמונה ובטחון, כח) אויף די ווערטער פון די גמרא (תמיד כח.) "יחזיק באמונה יתירה". דאָס מיינט, דער מענטש זאָל רעדן פון אמונה, אַפילו העכער ווי זיין מדריגה איז באמת, און כאָטש ביי אַלע ענינים פון עבודת ה', טאָר מען נישט רעדן פון זאַכן וואָס מ'האַלט נישט דערביי, און זיך באַשעפטיגן מיט מדריגות וואָס מ'האָט נישט דערגרייכט, אָבער ביי דעם ענין פון אמונה, מעג מען יא, און ס'איז אַפילו אַ מצוה! (דער קאָברינער זי"ע אַליין, פלעגט טאַקע רעדן פון אמונה, אויך פון מדריגות וואָס זענען געווען העכער פון זיין עולם חסידים).

בחינה פון "מרחוק" ח"ו[ח]. אדרבה, ווי דער נביא זאָגט (ירמיה לא, ב) "מרחוק ה' נראה לי". אויך ווען עס זעהט אויס אַז עס איז "מרחוק" ח"ו, טאַקע דעמאָלטס באַווייזט זיך דער אויבערשטער צו מיר, און ער קוקט אויף מיר מיט ליבשאַפט, ווי אַ טאַטע קוקט אויף זיין קינד[ט].

**עס** שטייט אין ספה"ק "ארחות צדיקים" (שער י"ג, הרצון), אַז דער רצון איז גאָר אַ גוטע מדה. דער מענטש וואָס האָט די מדה פון "רצון", באַגניגענט זיך מיט אַלעס וואָס דער אויבערשטער גיט איהם, און ער איז נישט מהרהר אין זיינע מידות. דער וואָס פאַרמאָגט די דאָזיגע מדה, זוכט נישט גרויסקייט און כבוד, נאָר ער איז גרייט צו ליידן. ער האָט נישט קיין תרעומות אויף זיינע ענינים, און ער "צערנט" נישט ח"ו אויפ'ן באַשעפער ברוך הוא, צו פרעגן קשיות, פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער געטוהן אַזוי און אַזוי. די דאָזיגע מדה איז גורם אַז דער מענטש זאָל זיין אַ "שמח בחלקו".

**ויסתר משה פניו - די צרה איז בלויז אַ הכנה צו די גוטס וואָס גייט קומען**

"**ויסתר** משה פניו, כי ירא מהביט אל האלקים" (ג, ו).

**זאָגט** דער "תפארת שלמה" (פ' חיי שרה, ד"ה "ויקם אברהם"), "כי הנה כלל גדול במעלות הצדיקים המתהלכים לפני אלקים בתמים", עס איז אַ גרויסער כלל אין די מעלה פון די צדיקים וואָס גייען מיט תמימות פאַר דעם אויבערשטען, אַז אפילו אויב עס פאַסירט ח"ו אַ צרה אויף אַ יחיד אָדער אַ רבים, טראַכטן זיי קיינמאל נישט אַריין אין דעם מהות פון די צרה רח"ל, און זיי וועלן קיינמאל נישט פרעגן פאַרוואָס דער אויבערשטער האָט אַזוי געטוהן, ווייל זיי פאַרלאָזן זיך אויף דעם אויבערשטען אַז ער איז גערעכט, "א-ל אמונה, ואין עול" (דברים לב, יד).

**פאַרקערט**, "מפי עליון לא יצאו הרעות" (איכה ג, לח). פון דעם אויבערשטען, קומט נישט אַרויס חלילה קיין שלעכטע זאַך, ווייל אַלעס וואָס דער אויבערשטער ברוך הוא טוט, איז זיכער נאָר לטובה. און דאָס וואָס איז יעצט שלעכט, איז אַ צוגרייטונג צו די גוטס וואָס קומען.

**און** דעריבער, ווען משה רבינו ע"ה האָט געזעהן די מראה פונעם סנה וואָס איז מרמז אויף דעם גלות, האָט ער נישט געוואָלט אַריינטראַכטן דערין, פאַרוואָס דאָס האָט פאַסירט. "לכן ויסתר משה פניו" - וועגן דעם האָט משה פאַרשטעלט זיין פנים, ווייל ער האָט מורא געהאַט צו קוקן אויף די בחינה פון דין, וואָס ווערט גערופן "אלקים", ווייל אפשר וועט איהם זיין

---

**ח.** לויט דעם קען מען זאָגן אַ טעם פאַרוואָס דער קוואַל פון מרים ("בארה של מרים") איז מסוגל פאַר אַ רפואה (עי' ויק"ר פכ"ב, ד), און אַזוי שרייבן די ספרים וועגן די סגולה פון טרינקען פון "בארה של מרים", אַז עס איז בכלל אַ סגולה פאַר אַלע סאָרטן ישועות. קען מען זאָגן אַ טעם, ווייל אין דעם קוואַל איז באַהאַלטן דעם כח אמונה וואָס מרים האָט געהאַט, און פון דעם קוואַל פון אמונה, ווערן נשפע אַלע גוטע השפעות אויף אידישע קינדער.

**ט.** עס שטייט אין די הקדמה צום ספר "שב שמעתתא" אויף דעם פסוק (תהלים עז, יא) "השכח חנות א-ל אם קפץ באף רחמיו סלה". זאָגט דער "שב שמעתתא", אפי' ווען עס הערשט אַ הסתר פנים ח"ו אויף דער וועלט, דאַרפן מיר געדענקען די גרויסע חסדים פון דעם אויבערשטען. "חנות" איז פון לשון "חונן". "השכח חנות א-ל"? - צו דען האָט דער אויבערשטער כביכול חלילה פאַרגעסן רחמנות צו האָבן אויף אידישע קינדער? עס איז נישט מער ווי "אם קפץ באף", אין דעם וואָס עס זעהט אויס ווי "אף" ח"ו, האָט דער אויבערשטער באַהאַלטן "רחמיו סלה" - זיין אייביגע רחמנות.

**י.** מיר לייענען אין דער הייניטיגער סדרה (ג, טז-יח) דער אויבערשטער זאָגט צו משה רבינו ע"ה, "לך ואספת את זקני ישראל, ואמרת אליהם, ה' אלקי אבותיכם נראה אלי, אלקי אברהם יצחק ויעקב לאמור, פקד פקדתי אתכם וגו' ושמעו לקולך". זאָגט רש"י (און אַזוי זאָגט אויך דער מדרש, שמ"ר פ"ג, ח), "ושמעו לקולך, מאליהם" - זיי וועלן דיך אויסהערן פון זיך אַליין. וויבאַלד דו וועסט זיי זאָגן די ווערטער "פקד פקדתי". ווייל דער סימן איז איבערגעגעבן געוואָרן צו זיי פון יעקב און פון יוסף, אַז זיי וועלן אויסגעלייזט ווערן מיט די דאָזיגע ווערטער ("פקד פקדתי").

פרעגט דער של"ה הקדוש (פ' שמות, תורה שבכתב, אות כב) פאַרוואָס טאַקע איז דייקא דאָס וואָרט "פקד" געוואָרן דער סימן פאַר די גאולה, און נישט אַן אַנדער וואָרט? אויך פרעגט ער, פאַרוואָס זאָגט דער פסוק "פקד" חסר, אָן אַ וא"ו ("פקוד")?

ענטפערט דער של"ה הקדוש, די גמרא זאָגט (מגילה יג:) אַז דער אויבערשטער טוט פעדערן די רפואה פאַר די מכה. די אותיות פון וואָרט "פקד" זענען ביפאר די אותיות פון וואָרט "צרה" (פ' פאַר צ', ק' פאַר ר', ד' פאַר ה'). מיט'ן וואָרט "פקד" האָט דער אויבערשטער מקדים געווען די רפואה פאַר די מכה, עיי"ש.

קען מען זאָגן, אַז דאָ איז מרומז, אַז דער סוד פון די גאולה איז ווען דער מענטש אנערקענט און ער גלייבט אַז דאָ איז נישט דאָ אַ צרה, נאָר אַ הקדמה און הכנה צו די ישועה.

דאָס לערנען מיר אויך פון דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (ב, טז-יז) "ולכהן מדין שבע בנות ותבאנה ותדלינה ותמלאינה את הרהטים להשקות צאן אביהן, ויבואו הרועים ויגרשום". זאָגט אויף דעם דער מדרש (שמ"ר פ"א, לב) די חכמים האָבן געזאָגט, יתרו איז געווען דער הויפט-גלח ("כומר") פאַר די עבודה זרה אין מדין, און ער האָט געוואָלט תשובה טוהן (ווייל ער האָט אנערקענט די לעכערלעכקייט פון די עבודה זרה) נאָך איידער משה רבינו ע"ה איז געקומען קיין מדין. יתרו האָט צוזאַמענגערופן די מענטשן פון מדין, און ער האָט זיי געזאָגט: "ביז יעצט, האָב איך אייך באַדינט. יעצט בין איך שוין אַלט, און איר דאַרפט זיך אויסוויילן אַ נייעם גלח". האָבן זיי איהם אַריינגעלייגט אין "נידוי" (חרם) און שטרענג אָנגעזאָגט די גאַנצע פאלק אין מדין, אַז קיינער טאָר נישט העלפן יתרו. מ'זאָל נישט טוהן פאַר איהם קיין אַרבעט, און מ'זאָל נישט פאַשען זיינע שאָף. ווען יתרו האָט געבעטן די פאַסטוכער פון מדין צו פאַשען זיינע שאָף, האָבן זיי עס נישט געוואָלט טוהן, און יתרו איז געווען געצוואונגען צו שיקן זיינע טעכטער פאַשען די שאָף.

דערציילט דער מדרש ווייטער, "ותבאנה ותדלנה", פון דעם לערנען מיר אַז יתרו'ס טעכטער זענען געקומען פריער אין טאָג צו פאַשען די שאָף, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט פאַר די פאַסטוכער. "ויבואו הרועים ויגרשום", אָבער די פאַסטוכער האָבן זיי פאַרטריבן. ווי אַזוי איז מעגליך אַז יתרו איז אַ "כהן מדין", און די פאַסטוכער פאַרטרייבן זיינע טעכטער? נאָר דער פסוק קומט דיך צו לערנען, אַז זיי האָבן איהם אַריינגעלייגט אין חרם, און פאַרטריבן זיינע טעכטער, עכ"ל.

פון דאָ זעהען מיר, אַז יתרו איז געוואָרן דערנידערט צום נידעריגסטן שטאַנד, ווי נאר ער האָט אָפּגעלאָזט אַלע עבודה זרה'ס. דאַרף מען פאַרשטיין, "זו תורה וזו שכרה?"... אַ מענטש וואָס איז געזעסן "ברומו של עולם", זייענדיג אַ "כהן מדין", און ער האָט אַלעס איבערגעלאָזט פאַר דעם אויבערשטען'ס כבוד, ווייל ער האָט אנערקענט אַז די עבודה זרה איז נאַריש און לעכערליך, "הבל הבלים", און ער האָט זיך אָנגעקלעבט אין די ריינע אידישע אמונה. פאַרוואָס איז איהם געקומען אַזאַ שטראָף, אַז די מענטשן פון זיין לאַנד זאָלן איהם אַריינשטעלן אין "חרם"?

צום סוף, האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט, אַז דייקא די דערנידעריגונג און די בושות וואָס יתרו האָט געליטן, האָבן איהם גרויס געמאַכט, אַז ער האָט זוכה געווען צו ווערן דער שווער פון משה רבינו ע"ה. ווען משה איז געקומען העלפן יתרו'ס טעכטער פון די פאַסטוכער וואָס האָבן זיי פאַרטריבן, און יתרו האָט באַפוילן זיינע טעכטער, זיי זאָלן איהם רופן צו איהם אַהיים (און דערנאָך האָט ער חתונה געהאַט מיט צפורה). קומט דאָך אויס, אַז אויב עס וואָלט געפעלט אין יתרו'ס דערנידריגונג אַפילו אַ האָר, וואָלט ער נישט זוכה געווען צו ווערן דערהויבן צו אַזאַ הויכע מדרגה, צו ווערן "חותן משה", ווייל אויב די פאַסטוכער וואָלטן נישט אַוועקגעטריבן יתרו'ס טעכטער, וואָלט דאָך משה נישט צוגעקומען כדי אָנצוטרינקען זייערע שאָף.

לערנען מיר פון דעם, ווי ווייט דער אויבערשטער איז אַ "זקיף כפיפין". ער הויבט אויף יעדן 'איינגעבויגענעם' מענטש, פון יעדע שוועריגקייט, סיי ווען עס האַנדלט זיך אין געזונט, אין פרנסה, קינדער, און אַזוי ווייטער. אויב מיר זעהען דאָס ביי אַ גוי אַ גלח, ווי יתרו, איז דאָך אַוודאי ביי אַ איד, אַז אויב ערליידט פון אַ השפלה ח"ו, איז זיכער אַז דאָס איז די גרעסטע טובה פאַר איהם, און פון דאָרט, וועט קומען זיין ישועה!

אַזוי שרייבט רבינו בחיי ז"ל, אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער סדרה (ב, ב) "ותצפנהו שלשה ירחים", משה רבינו ע"ה איז געבוירן געוואָרן אין זיבעטן טאָג פון חודש אדר. דריי חדשים שפּעטער, די 6'סטע טאָג אין סיון, איז ער אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין טייך. דער פסוק קומט אונז דערציילן, אַז אין דעם טאָג וואָס משה רבינו ע"ה איז אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין טייך, טאַקע אין זעלבן טאָג איז ער גרויס געוואָרן און דערהויבן געוואָרן אין הימל, און ער האָט באַקומען די תורה (פאַר די אידן) אויפ'ן באַרג סיני. אויף דעם זאָגט דער פסוק (תהלים קלח, ג) "ביום קראתי ותענני, תרהיבני בנפשי עוז", אין דעם טאָג ווען איך רוף צו דיר, ענטפערסטו מיר און דו געבסט מיר שטאַרקייט. דאָס הייסט, דווקא אַ טאָג ווען איך בין בצער ח"ו, אָבער אַז איך רוף צו דיר, ענטפערסטו מיר, און דו העלפסט מיר - יעדן איינעם לויט זיין מדרגה.

שווער צו פאַרשטיין פאַרוואָס דער אויבערשטער פירט זיך אַזוי מיט די אידן[יא].

**אדרבה**, דורך די אמונה איז מען זוכה צו נסים און צו די ישועה פון הימל, ווי מיר לערנען די וואך אין דער סדרה (ד, כט-לא, ה, א) "וילך משה ואהרן ויאספו את כל זקני בני ישראל וגו', ויעש האותות לעיני העם. ויאמן העם וישמעו כי פקד ה' את בני ישראל וגו', ואחר באו משה ואהרן ויאמרו אל פרעה, כה אמר ה' אלקי ישראל, שלח את עמי" וגו'. זאָגט רש"י: "ואחר באו משה ואהרן, אבל הזקנים נשמטו אחד אחד מאחר משה ואהרן, עד כי נשמטו כולם קודם שהגיעו לפלטין, לפי שיראו ללכת". די זקנים פון די אידן האָבן זיך אַוועקגעדרייט איינער נאָכ'ן אַנדערן, פון משה און אהרן, ביז אַלע זענען פאַרשוואונדן פון דאָרט איידער משה און אהרן זענען אָנגעקומען צום פּאַלאַץ פון פרעה, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט פון פרעה.

**פרעגן** די מפרשים, דער מדרש זאָגט דאָך (ילקוט שמעוני שמות, קפא) אַז אַ סאַך ניסים ונפלאות האָבן פּאַסירט מיט משה און אהרן ווען זיי זענען אָנגעקומען צו פרעה. ביי די טויערן פונעם קעניגליכן פּאַלאַץ, זענען געשטאַנען טויזנטער וועכטער, און לייבן פון כישוף האָבן קיינעם נישט געלאָזט אַריינקומען דורך דעם טויער, אויב פרעה האָט איהם נישט גערופן, און דאָ, ווען משה און אהרן זענען געקומען צו פרעה, זענען אַלע וועכטער און לייבן געוואָרן אַזוי אָפּגעשוואַכט. אויך האָבן די לייבן אַראָפּגעריסן זייערע קייטן, און זענען נאָכגעגאַנגען משה און אהרן מיט גרויס דרך ארץ.

**אויך** דערציילט די תורה באריכות, די וואונדער וואָס משה און אהרן האָבן געוויזן אין פרעה'ס פּאַלאַץ, ווען דער שטעקן איז געוואָרן איבערגעדרייט צו אַ שלאַנג, און אהרן'ס שטעקן האָט איינגעשלינגען די שטעקנס פון די חרטומי מצרים.

---

דאָס זעהען מיר קלאָר אויך פון די גזירה וואָס דער רשע פרעה האָט אַרויסגעגעבן אַז מ'זאָל אַריינוואַרפן אין טייך אַלע ניי-געבוירענע יונגלעך. מיט זיין גרויס רשעות, האָט פרעה געוואָלט אומברענגען ח"ו אַלע אידישע יונגלעך. באמת, איז דאָס אָבער נישט געווען פון פרעה, נאָר דער אויבערשטער האָט צוגעפירט די גזירה, און דאָס איז באמת נישט געווען אַ צרה, נאָר אַ הכנה צום געבורט פון דעם "מושיען של ישראל" - דער אויסלייזער פון די אידן. ווייל אדרבה, דווקא דורך די צרה האָט געקענט אַראָפּקומען אויף דער וועלט די הייליגע נשמה פון משה רבינו ע"ה. פון דעם לערנען מיר, אַז אַלע "רדיפות" וואָס דער מענטש גייט אַדורך אין לעבן, און זיי קומען פון דעם אויבערשטען, זענען באמת נישט קיין "רדיפות" ח"ו, נאָר אַ הכנה פאַר די גרויסע טובה וואָס וועט אַרויסקומען שפּעטער.

אויך לערנען מיר פון דאָ, אַז יעדער נסיון וואָס דער באַשעפער ברענגט אויפ'ן מענטש, איז נאָר כדי איהם אויפצוהייבן צו אַ העכערע מדריגה. עס איז אַ "נס להתנוסס", און נישט כדי איהם צו שטרויכלען ח"ו.

**יא.** נאָך מער געפינען מיר אין ספר "מכתב סופר" (להגאון רבי שמעון סופר זצ"ל אבד"ק קראקע, זון פון גאון בעל "חתם סופר" זצ"ל) אויפ'ן פסוק "ויסתר משה פניו, כי ירא מהביט אל האלקים", ווייל די גמרא זאָגט (ברכות יג:) רב האָט געזאָגט צו רבי חייא, מיר האָבן נישט געזעהן ביי רבי קבלת עול מלכות שמים, ווייל ווען עס איז געקומען די צייט צו לייענען קריאת שמע, האָט ער נישט מפסיק געווען פונעם שיעור פאַר די תלמידים, כדי צו לייענען קריאת שמע. האָט רבי חייא געענטפערט, ווען רבי האָט אַריבערגעפירט זיינע הענט אויף זיין פנים אינמיטן שיעור, האָט ער דעמאָלטס גענומען אויף זיך עול מלכות שמים דורך קריאת שמע.

זאָגט רבי שמעון סופר, רבי האָט דאָך זיכער משיג געווען גרויסע השגות, אַזוי ווייט אַז קבלת עול מלכות שמים אַליין איז ביי איהם נישט געווען אַ רבותא (דאָס הייסט נישט אַן "עול" ביי רבי, ווייל אַלעס איז דאָך פאַר איהם געווען קלאָר). דעריבער האָט ער אַריבערגעפירט זיינע הענט אויף זיין פנים, כדי ער זאָל זיין אין אַ מצב וואָס ער זעהט נישט אַלע מדריגות און השגות, און ער האָט גענומען אויף זיך קבלת עול מלכות שמים מיט ליבשאַפט, מיט תמימות, און מיט פשטות.

ער גיט צו, אַז ווען משה רבינו ע"ה האָט זיך באַגעגענט פנים בפנים מיט די הייליגע שכינה, האָט ער דערפאַר פאַרשטעלט זיין פנים - "ויסתר משה פניו", ווי איינער זאָגט, איך האָב נישט קיין קשיות, און איך זוך נישט אַפילו דעם מינדעסטן פאַרשטאַנד, צו פאַרשטיין די וועגן פון דעם באַשעפער ברוך הוא.

**אויב** אַזוי, דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער נישט קודם געשיקט משה און אהרן צו פרעה, זיי זאָלן דאָרט באַווייזן אותות ומופתים, און דערנאָך זאָלן זיי צוזאַמענעמען די זקני ישראל, וואָס אַזוי וואָלט מען פאַרדינט אַז די זקנים וואָלטן מער נישט מורא געהאַט פון פרעה, און יעדע מאל מ'דאַרף גיין צום פאלאַץ וואָלטן זיי געקומען צוזאַמען מיט משה און אהרן?

**ענטפערן** די ספרים, לויט ווי די חז"ל זאָגן (ילקוט שמעוני בשלח, רמז רמ) אַז די אידן זענען אויסגעלייזט געוואָרן נאָר אין זכות פון אמונה, ווי דער פסוק זאָגט (ד, לא) "ויאמן העם". לויט דעם, איז פאַרענטפערט, ווייל די נסים וואָס משה און אהרן האָבן געהאַט אין פאַלאַץ פון פרעה, האָבן פאַסירט נאָר מיט'ן כח פון די אמונה וואָס די אידן האָבן געהאַט. דורך דעם האָבן זיי ממשיך געווען און געברענגט אויף זיך אַ נסים'דיגע הנהגה פון הימל. צוליב דעם האָבן משה און אהרן קודם געדאַרפט צוזאַמענעמען די זקנים און דעם גאַנצן פאָלק, און איבערגעבן פאַר זיי די בשורה פון די גאולה. נאָך דעם ווי עס איז מקוים געוואָרן "ויאמן העם וישמעו כי פקד ה' את בני ישראל"[יב], די אידן האָבן געגלייבט אַז דער אויבערשטער וועט זיי בקרוב אויסלייזן פון גלות מצרים. און נאָר מיט'ן כח פון אמונה פון די אידן, האָבן משה און אהרן געקענט באַווייזן אַזעלכע וואונדער אין פרעה'ס פאַלאַץ.

**אַזוי** זאָגט דער "חתם סופר" זי"ע (ראה ס' "אורות חתם סופר", פ' שמות) אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער פרשה (ג, יד) "אהי' אשר אהי', ויאמר כה תאמר לבני ישראל, אהי' שלחני אליכם". דער אויבערשטער זאָגט, "אהי'" - איך וועל זיין, איך געפין זיך, איך גיב אַכטונג בפרטיות, "אשר אהי'" - אויף דעם מענטש וואָס האָט מיך שטענדיג אין זיינע געדאַנקען, ווי שלמה המלך ע"ה האָט געזאָגט (משלי ג, ו) "בכל דרכיך דעהו, והוא יישר אורחותיך". לויט וויפיל דו קענסט דעם אויבערשטען "בכל דרכיך" - אין אַלע דיינע וועגן, אַזוי וועט מקוים ווערן "והוא יישר אורחותיך", ער וועט אויסגלייכן דיינע וועגן, און ער וועט שטענדיג שטיין צו דיין רעכטע זייט.

**זאָגט** דער "חתם סופר", אַז דאָס (אַז מ'דאַרף האָבן דעם אויבערשטען שטענדיג אין די מחשבה) איז געזאָגט געוואָרן נאָר לגבי אַ יחיד, אָבער ווען עס האנדלט זיך אין כלל ישראל, איז אפילו אויב זיי זענען ח"ו נישט אין אַזאַ הויכע מדרגה, פונדעסטוועגן, געפינט זיך דער אויבערשטער מיט זיי צו יעדע צייט, ווייל ער געדענקט דעם זכות פון די הייליגע אבות. אויף דעם זאָגט דער פסוק: "כה תאמר לבני ישראל אהי' שלחני אליכם". ער זאָגט נישט "אשר אהי'" (אַזוי ווי ביים פרט), ווייל מיט'ן כלל, איז דער אויבערשטער שטענדיג, אפילו אויב זיי זענען נישט אין אַזאַ גרויסע מדרגה צו האָבן דעם אויבערשטען שטענדיג אין זייערע געדאַנקען.

**ואנכי אהי' עם פיך - דער אויבערשטער פירט אַלעס און קיינער קען דיר גאָרנישט שלעכטס טוען**

"**ויאמר** משה אל ה' בי ה', לא איש דברים אנכי וגו', כי כבד פה וכבד לשון אנכי וגו', ועתה לך ואנכי אהי' עם פיך" (ד, י-יב).

**משה** רבינו ע"ה האָט געזאָגט צו דעם אויבערשטען, "איך בין נישט אַ מענטש פון רייד, איך האָב אַ שווערע שפּראַך און אַ שווערע צונג. איך וועל נישט קענען רעדן צו פרעה". האָט דער אויבערשטער איהם געהייסן גיין, "און איך וועל זיין מיט דיין מויל".

**פרעגט** דער ר"ן ז"ל (דרשות הר"ן, דרוש ה', ד"ה "וזה דבר") פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער נישט באַוויזן אַ נס, אויסצוהיילן משה רבינו ע"ה ער זאָל מער נישט זיין אַ "כבד פה"?

**ענטפערט** דער ר"ן, דער אויבערשטער האָט געוואָלט מיר זאָלן וויסן אַז ער פירט די גאַנצע וועלט, און מיר זאָלן נישט מאַכן אַ טעות אַז משה האָט אויסגעלייזט די אידן פון מצרים מיט'ן כח פון זיין גוטע און "זיסע" שפּראַך, און זיינע געשמאַקע ווערטער האָבן

---

**יב.** אַזוי האָט הרה"ק בעל "יסוד העבודה" זי"ע געטייטשט (מובא בס' "תורת אבות") דעם פסוק "ויאמן העם וישמעו כי פקד ה' את בני ישראל". דורך דעם וואָס זיי האָבן געגלייבט אין השגחה פרטית, אַז קיין שום באַשעפעניש איז נישט בכח זיי אַרויסצונעמען פון מצרים, נאָר דער אויבערשטער אַליין קען דאָס באַווייזן, און ער וועט אַזוי טוהן, דורך דעם האָבן די אידן זוכה געווען צו די ישועה: "וישמעו כי פקד ה' את בני ישראל".

איבערצייגט פרעה'ן אַרויסצולאָזן די אידן פון מצרים. צוליב דעם האָט דער אויבערשטער איהם געמאַכט פאַר אַ "כבד פה", און "כבד לשון", כדי די גאַנצע וועלט זאָל זעהן אַז ער האָט גענומען זיין כח פון הימל, "ואנכי אהי' עם פיך".

**פון** דעם קען יעדער מענטש זיך אַרויסלערנען, אַז זיין פרטיות'דיגע "יציאת מצרים" - יעדער איינער אויף זיין באַזונדערן אופן - איז בכלל נישט אָנגעוויזן אויף אַ 'נאַטורליכע' סיבה, נאָר אַלעס איז פון הימל.

**דאָס** איז געזאָגט געוואָרן נישט נאָר לגבי דעם ענין פון יציאת מצרים, נאָר ביי יעדן פרט, סיי וואָס אַ מענטש טוט אַליין, ער זאָל נישט טראַכטן "איך" האָב עס געטוהן... נאָר ער זאָל וויסן אַז דער אויבערשטער האָט איהם געגעבן זיין גאַנצן פאַרמעגן. דאָס זעלבע ווען אַנדערע מענטשן טוהען איהם אַן עוולה, זאָל ער שטענדיג וויסן אַז קיין שום זאַך ווערט נישט געטוהן פון זיך אַליין, אָדער דורך עמיצן אויף דער וועלט, נאָר אַלעס איז פון דעם באַשעפער: "כי הוא אמר ויהי, הוא צוה ויעמוד". און אויף אַזאַ אופן, אפילו אויב איינער שעלט איהם, אָדער ער פאַראורזאַכט איהם אַ געלט שאָדן, ער רעדט שלעכטס אויף איהם, א.ד.ג., ווייסט ער דאָך אַז נישט "יענער" האָט איהם פאַרשעמט אָדער שאָדן געמאַכט, ווייל קיינער קען נישט צונעמען זיין פרנסה... נישט ראובן האָט "קאַליע געמאַכט" דעם שידוך, און נישט שמעון האָט איהם פאַרשעמט... לוי האָט איהם נישט צוגענומען דעם "עמוד", און נישט יהודה... ווייל ער זעהט די אַלע פאַסירונגען מיט אַ העכערן בליק, ווי זיי וואָלטן געטוהן געוואָרן דורך דעם אויבערשטען אַליין[יג], און ממילא, האָט ער זיך נישט וואָס צו באַקלאָגן אויף אַ צווייטן[יד].

---

**יג.** דער הייליגער שינאָווא רב זי"ע האָט אַמאָל געזאָגט צו די חסידים, ס'איז דער נאטור, אַז ווען דער מענטש נויטיגט זיך אין אַ קליינע סומע געלט, איז ער געווענטליך נישט באַזאָרגט, ער איז רואיג, ווייל ער פאַרלאָזט זיך אַז דאָס געלט וועט שוין אנקומען. אָבער ווען ער דאַרף האָבן אַ גרעסערן סכום, איז ער באַרזאָרגט און פאַר'דאגה'ט: "כסף מנלן"... פון וואו וועל איך נעמען אַזאַ גרויסן סכום געלט?

דער אמת איז אָבער פאַרקערט. דער מענטש וואָס דאַרף האָבן אַ סאַך געלט, ווייסט גוט אַז ער וועט דאָס נישט קענען צוזאַמענשטעלן מיט זיין אייגענעם כח, און ער פאַרלאָזט זיך דעריבער אויפ'ן אויבערשטען. אַזאַ איינער, וועט אַוודאי באַקומען דאָס געלט וואָס ער דאַרף האָבן, אַדאַנק זיין גרויסן בטחון אין דעם אויבערשטען. פון דער אַנדערער זייט, אָבער, ווען דער מענטש דאַרף האָבן אַ קליינעם סכום געלט, און ער רעדט זיך איין אַז ער קען דאָס אַליין צוזאַמענשטעלן, פאַרלאָזט ער זיך אינגאַנצן נישט אויף דעם אויבערשטען. אַזאַ איינער דאַרף נאָך מער זיין באַזאָרגט, ווייל אויב ער דערווייטערט זיך פון בטחון אין דעם באַשעפער, קען ער נישט באַקומען דאָס געלט וואָס ער דאַרף האָבן.

**יד.** מיר לייענען אין דער היינטיגער פרשה (ד, ו-ז) "ויבא ידו בחיקו ויוציאה והנה ידו מצורעת כשלג, ויאמר השב ידך אל חיקך, וישב ידו אל חיקו, ויוציאה מחיקו והנה שבה כבשרו". פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער געזאָגט צו משה, "השב ידך אל חיקך"? דער אויבערשטער האָט דאָך געקענט אויסהיילן זיין האַנט אויך אינדרויסן פונעם שויס? אַזאַ נס, איז דאָך אַ קלייניגקייט קעגן אַלע נסים ונפלאות וואָס דער אויבערשטער ברוך הוא האָט באַוויזן אין מצרים.

ענטפערט דער "חפץ חיים" זי"ע ("שמירת הלשון", ח"ב, פי"ג, פ' שמות) אַז דאָ לערנען מיר אַז נישט דאָס אָרט איז גורם דעם צרעת. דער אויבערשטער האָט עס געברענגט, און ער האָט עס אַוועקגענומען. וועגן דעם איז משה'ס האַנט געוואָרן אויסגעהיילט דווקא "בחיקו" - אינעם שויס, דאָס פלאַץ וואו עס איז געוואָרן קרעציג.

פון דעם קענען מיר פאַרשטיין, אַז אויב דער שויס איז געווען אַ סיבה פאַר די צרעת, ווי אַזוי האָט די האַנט דאָרט געקענט אויסגעהיילט ווערן? נאָר וואָס דען, דער שויס איז נישט גורם דעם צרעת, און דער בוזעם היילט עס נישט אויס. עס קומט אויף דעם באַפעל פונעם אויבערשטען, און לויט זיין באַפעל גייט עס אַוועק [ווי די גמרא זאָגט (ר"ה כט.) דער שלאַנג הרג'עט נישט, און ער מאַכט נישט לעבעדיג]. דאָס לערנט אונז, אַז נישט אונזער פעולה ברענגט די זאַך, נאָר ווײַבאַלד עס איז דער רצון פון דעם באַשעפער, פירט זיך עס אויף אַן אופן אַז מיר זאָלן טוהן די פעולה.

צום ביישפיל, ווען דער מענטש גייט אַדורך אַ מסוכנ'דיגן אָרט און ער ווערט געשעדיגט ח"ו, איז ער נישט געשעדיגט געוואָרן ווייל ער איז אַריבערגעגאַנגען יענעם אָרט, נאָר עס איז נגזר געוואָרן פון הימל אַז ער זאָל

**גלות מצרים - גענוי ווי אין מצרים, זענען מיר היינט צוטאָגס אין גלות היצר**

**די** חז"ל זאָגן (עי' ב"ר טז, ד) אַז גלות מצרים איז געווען דער שורש פון אַלע גלות'ן. אויך זאָגט דער זוהר הקדוש (ח"ב רטז:-קיז:) אַז די גאולה פון מצרים, איז דער שורש פון אַלע גאולות.

**זאָגט** דער חידושי הרי"ם זי"ע (ס' 'אמרי הרי"ם', שמות)[טו], אַז אין כלל פון אַלע גלות'ן, איז אויך נכלל דער גלות הנפש וואָס דער מענטש געפינט זיך אין גלות ביים יצר הרע און זיינע חיילות[טז]. ממילא, דאַרפן מיר זיך מתבונן זיין אין די פרשיות פון גאולת מצרים, צו פאַרשטיין ווי אַזוי יעדער פון אונז קען אויסגעלייזט ווערן בפרטיות, דורך תיקון המדות, און באַזיגן די רוחניות'דיגע פיינט, דעם יצר הרע און זיין מיליטער.

**דער** "שפתי צדיק" שרייבט (פ' שמות, אות יד) מיר לערנען 'הלכה למעשה' פון דעם ענין פון גלות מצרים און די אויסלייזונג פון דאָרט, אויף גלות היצר און גאולת היצר, ווי יעדער איד ווערט אויסגעלייזט פון די נעץ פונעם יצר הרע. פונקט ווי אין מצרים, איז דער "מושיען של ישראל", - משה רבינו ע"ה - אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין טייך און האָט זיך געפונען אין אַ מצב פון אַ סכנה ח"ו, און פונדעסטוועגן, איז זיין ישועה שוין געווען גרייט, דורך דעם וואָס בתיה, די טאָכטער פון פרעה מלך מצרים, איז געוואָרן קרעציג און האָט זיך געדאַרפט גיין באָדן אין טייך, וואָס פון דעם איז אַרויסגעקומען משה'ס הצלה, (ווייל זי האָט איהם אַרויסגענומען פון וואַסער און איהם דערנאָך אויפגעצויגן אין פרעה'ס הויז). אַזוי איז מיט יעדן איד, אפילו ווען ער איז חלילה פאַרזינקען ברוחניות אָדער בגשמיות, ער איז "אַריינגעוואָרפן" אינעם "טייך" פון דער וועלט, סיי ווען עס איז ברוחניות, צו ביי ענינים פון יראת שמים, אָדער מדות, ווי קנאה, תאווה און כבוד, אָדער בגשמיות, ווען ער איז פאַרזינקען אין די טירדות פון פרנסה, האָט דער אויבערשטער שוין צוגעגרייט פאַר איהם די רפואה פאַר די מכה, און זיין גאולה און ישועה שטייט גרייט פאַר איהם. זיין פרטיות'דיגע גאולה באַשטייט אין דעם וואָס ער צינדט אָן אין זיך דעם פונק פון התלהבות און תשובה צום געשעדיגט ווערן, און דערפאַר האָט מען צוגעפירט אַז ער זאָל גיין צום אָרט וואו עס האָט געהערשט אַ סכנה. דאָס זעלבע, ווען דער מענטש פאַרדינט געלט אין אַ געוויסן אָרט, זאָל ער נישט טראַכטן ביי זיך, איך האָב פאַרדינט געלט וויל כ'בין געקומען אַהער, נאָר כ'בין געקומען אַהער ווייל איך האָב געדאַרפט פאַרדינען געלט.

אַזוי געפינען מיר אין דער היינטיגער סדרה, פרעה האָט אַרויסגעגעבן אַ גזירה אַריינצוואַרפן אין טייך אַלע נייי-געבוירענע אידישע אינגלעך, און ווען משה רבינו ע"ה איז געבוירן געוואָרן, האָט מען איהם באַהאַלטן אינדערהיים דריי חדשים, און דערנאָך האָט מען איהם געמוזט אַריינוואַרפן אין טייך. זיין עלטערע שוועסטער, מרים, האָט זיך אַוועקגעשטעלט פונדערווייטנס צו זעהן וואָס עס וועט מיט איהם פאַסירן, און דערנאָך איז געקומען בתיה, די טאָכטער פון פרעה, און איהם גענומען. און די גמרא (סוטה יב:) דערציילט, אַז תיכף נאָך דעם ווי משה איז אַריינגעלייגט געוואָרן אין טייך, איז בטל געוואָרן די גזירה, ווייל די שטערן-זעהער האָבן געזאָגט צו פרעה, אַז דער אידישער העלפער איז שוין געבוירן געוואָרן און מ'האָט איהם אַריינגעוואָרפן אין וואַסער. אויבנאויף, וואָלט משה'ס מאמע, יוכבד, געקענט וויינען און קלאָגן: ווי איז מיר, אויב כ'וואָלט געוואַרט נאָך אַ האַלבע שעה, וואָלט איך איהם נישט געדאַרפט אַריינוואַרפן (ווייל די גזירה איז דאָך בטל געוואָרן)... נאָר וואָס דען, די גזירה איז דאָך נאָר בטל געוואָרן ווייל משה האָט זיך שוין געפונען אין טייך.

פון דעם לערנען מיר, אַז דער מענטש זאָל נישט זאָגן, "אויב איך וואָלט געוואַרט"... אויב איך וואָלט נישט געטוהן אַזוי און אַזוי"... "אויב איך וואָלט נישט געזאָגט אַזוי און אַזוי"... דער מענטש דאַרף זיך נאָר פרייען מיט זיין חלק, און דאַנקען און לויבן דעם באַשעפער וואָס פירט איהם שטענדיג אויפ'ן גוטן וועג.

**טו.** דער 'חידושי הרי"ם' זי"ע זאָגט דאָרט, אַז אין קאָצק האָט מען געזאָגט, אַז מ'דאַרף מעיין זיין אין די דאָזיגע פרשיות וואָס רעדן וועגן גלות און גאולת מצרים, "אַזוי ווי אין אַ שווערע הלכה און תוספות".

**טז.** די ספרים טייטשן בדרך מליצה דעם פסוק אָנהייב סדרה, ואלה שמות בני ישראל "הבאים" מצרימה. דער פסוק זאָגט אַ לשון הוה: "הבאים" - וואָס קומען קיין מצרים, און נישט "אשר באו" - וואָס זענען געקומען קיין מצרים, ווייל די גאַנצע בחינה פון "מצרים" איז נאָך אַלץ דאָ ביי יעדן איד, אין יעדן דור. "מצרים" איז מרמז אויף די "מיצרים" - ענגשאַפטן - וואָס דער מענטש גייט אַדורך כסדר אין לעבן...

באַשעפער, און אַזוי גייט ער אַרויס פון אַלע זיינע ענגשאַפטן, און ער איז זוכה דערהויבן צו ווערן אָן אַ שיעור. אָט דאָס איז דער "שעבוד מצרים" וואָס גייט-אָן היינטיגע צייטן, וואָס מיר זענען משועבד צום יצר הרע ביז'ן היינטיגן טאָג.

**מורא'דיגע** ווערטער שרייבט דער רמב"ם ז"ל אין אַ בריוו צו זיין זון רבי אברהם ז"ל ('אגרות הרמב"ם', ע' לט, ד"ה 'ודע בני'): וויסן זאָלסטו, מיין זון, אַז פּרעה דער קעניג פון מצרים, איז באמת דער יצר הרע. די אידן, זענען מרמז אויף דעם מענטשליכן שכל וואָס געפינט זיך אין יעדן מענטש, און דאָרט רוהען אַלע זיינע רצונות און זיין מהלך המחשבה. משה רבינו ע"ה איז דער געטליכער שכל, דאָס הייסט, די נשמה וואָס געפינט זיך אין יעדן אידישן גוף. דאָס לאַנד מצרים, איז מרמז אויפ'ן גוף פונעם מענטש". און די פלאַץ פונעם האַרץ, דאָס איז לאַנד גושן. און פּונקט אַזוי ווי אין די פריערדיגע צייטן (די צייטן פון שעבוד מצרים) האָט פּרעה, דער קעניג פון מצרים, געמאַכט שווער אַרבעטן די אידן וואָס האָבן געוואוינט אין זיין לאַנד, אַזוי אויך אין אַלע דורות, קומט דער יצר הרע קעניגן אויפ'ן שכל (דעם רצון) פון אידישע קינדער, דער שכל וואָס געפינט זיך אין די גופים פון די אידן, צו זיי אונטערטעניגן אונטער זיך, עיי"ש.

**קומט** אויס פון די ווערטער פונעם רמב"ם ז"ל, אַז פּונקט אַזוי ווי פּרעה האָט געוועלטיגט נאָר אויף די אידן, אָבער אויף משה רבינו ע"ה איז ער נישט געווען בכח צו געוועלטיגן, אַזוי אויך די הייליגע נשמה (וואָס ווערט אָנגערופן דער חלק פון משה רבינו ע"ה), וואָס געפינט זיך אין יעדן איד, ווערט קיינמאָל נישט נפגם, און עס געפינט זיך קיינמאָל נישט אונטער דעם רשות פון די חיצונים ח"ו, און דורך דעם גייט דער מענטש אַרויס פריי, ער ווערט אויסגעלייזט אַזוי ווי משה האָט אַרויסגענומען די אידן פון מצרים.

**ממילא** קומט אויס, אַז די איצטיגע וואָכן ווען מיר לייענען די פּרשיות פון גאולת מצרים, וואָס זענען אויך די טעג פון שובבי"ם, זענען מסוגל פאַר די רוחניות'דיגע באַפרייאונג פון אידישע קינדער, צו ראַטעווען דעם שכל און דאָס האַרץ פון דעם שטן דער יצר הרע, בפרט אין די טעג פון שובבי"ם, ווייל דאָס לייענען אין דער תורה אין די פּרשיות פון יציאת מצרים, איז מעורר דעם זמן פאַר די פּרטיות'דיגע "יציאת מצרים" פון יעדן איד, אַרויסצוגיין פון דער נעץ פונעם יצר הרע און פון די גשמיות'דיגע ענגשאַפט וואָס שטערן איהם צו ריכטיג דינען דעם הייליגן באַשעפער.

### כן ירבה וכן יפרוץ - דער כח פון אַ גוטע קבלה

**מיר** לייענען אין דער היינטיגער סדרה (א, יב) "וכאשר יענו אותו כן ירבה וכן יפרוץ". זאָגט רש"י: "בכל מה שהם נותנים לב לענות, כן לב הקדוש ברוך הוא להרבות ולהפריץ". וויפיל די מצריים האָבן געזוכט צו פייניגן אידישע קינדער, אַזוי איז געווען דעם אויבערשטען'ס האַרץ צו פאַרמערן און פאַרשטערקערן דאָס אידישע פאָלק אין מצרים.

**זאָגט** דער "שם משמואל" (שמות תער"ב) אַז פון דאָ לערנען מיר דעם גרויסן כח פון אַ "קביעות", און אַ גוטע קבלה. ווייל ווען די מצריים האָבן נאָר געטראַכט צו פייניגן די אידן, איז עס פאַר זיי שוין גערעכנט געוואָרן ווי אַ מעשה, ווייל ביי די גוים רעכנט דער אויבערשטער אויך אַ (שלעכטע) מחשבה, גלייך ווי זיי וואָלטן פאַקטיש געטוהן די מעשה (ירושלמי פאה, פ"א, ה"א). וועגן דעם, באַלד ווען זיי האָבן געטראַכט צו שטערן די אידן פון זיך פאַרמערן, האָט דער אויבערשטער שוין איבערגעדרייט די מערכות פון די טבע, און ער האָט באַשאַפן פאַר די אידן נייע סאָרט קערפּערס, אַז זיי זאָלן געבוירן זעקס קינדער אויף אַמאָל, אַ זאַך וואָס איז קיינמאָל נישט געווען אויף דער וועלט, "כן ירבה וכן יפרוץ".

**און** דער "שם משמואל" פירט אויס, "מכאן ילמד כל אדם קל וחומר לנפשו", פון דאָ זאָל יעדער מענטש זיך אַראָפּלערנען אַ קל וחומר, מה דאָך אַז פאַר אַ שלעכטע מחשבה פון די מצריים וואָס זיי האָבן געוואָלט טוהן שלעכטס צו די אידן, האָט דער אויבערשטער פאַרענדערט דעם קערפּער פונעם איד. "קל וחומר, בן

---

**יז.** מיר האָבן שוין אַמאָל נאָכגעזאָגט וואָס צדיקים האָבן געזאָגט: "גוף" ראשי תיבות ג'וף ו'ויל פ'רעסן, ג'וף ו'ויל פ'אָפּען (שלאָפן), ג'וף ו'ועט פ'וילן (אין קבר), ג'וף ו'ויל פ'אָרט (נאָכגיין זיינע גליסטענישן). מיר ווילן אָבער צולייגן דערצו, אַז מ'זאָגט צום גוף, מיט אַלע זיינע תאוות, ג'וף ו'ועט פ'אָלגן (וואָס דער אויבערשטער זאָגט, אויך אויב ס'איז שווער)...

בנו של קל וחומר", אַז ווען אַ איד נעמט אויף זיך צו טוהן אַ גוטע זאַך[יח], און אין זיין געדאַנק, וויל ער זיצן און לערנען און דינען דעם אויבערשטען, "וודאי שתיכף ייהפך להיות איש אחר ברוחניות ובגשמיות", ווערט ער תיכף א אַנדערער מענטש, ברוחניות און בגשמיות.

דער אויבערשטער זאָל העלפן, מיר זאָלן זוכה זיין לתקן נפשותינו ורוחותינו ונשמתינו מכל סיג ופגם, אין די הייליגע טעג פון שובבי"ם, און אין דעם זכות, זאָלן מיר זוכה זיין צו אַלע ישועות און רפואות[יט], שפע ברכה והצלחה עד בלי די[כ], און בקרוב זאָלן מיר זוכה זיין צו זעהן משיח צדקינו באנפין נהירין, במהרה בימינו אמן.

---

**יח.** אַ מורא'דיגע מעשה, שרייבט דער גאון בעל "פני יהושע" זצ"ל, אין די הקדמה צו זיין ספר, אַ מורא'דיגע זאַך וואָס עס האָט פאַסירט מיט איהם, ג' כסלו תקס"ג, ווען ער האָט געוואוינט אין לעמבערג (וואו ער האָט אַ שטיק צייט, אויך געדינט אַלס רב), און האָט געלערנט מיט זיינע תלמידים, האָבן זיך פלוצלינג אויפגעפלאצט עטליכע גרויסע פעסער וואָס זענען געווען פול מיט "פולווער", און עס האָט אויסגעבראָכן אַ גרויסע פייער רח"ל וואָס האָט פאַרברענט עטליכע גרויסע הייזער. עס זענען ליידער אויך אומגעקומען אינעם פייער 36 אידישע נפשות רח"ל, צווישן זיי, די רעביצין און איינציגע טאָכטער פונעם "פני יהושע", ווי אויך זיין שווער און שוויגער.

דער "פני יהושע" שרייבט: אויך איך בין געווען צווישן די וואָס זענען געפאַלן פון הויכן באַרג צו אַ טיפן גרוב. איך בין געלעגן אין די טיפענישן פון די ערד אונטער די שווערע העלצער פון די באַלקענס פון אונזער הויז וואָס זענען געפאַלן אויף מיר, און זענען געווען גרעסער ווי די באַלקנס פונעם "בית הבד" (וואו מ'פרעסט אויס איילבירטן), אזוי ווייט אַז איך האָב נישט געקענט רירן קיין איין אבר... שרייבט ער ווייטער, אַז ער האָט שוין געמיינט אַז עס איז נגזר געוואָרן אויף איהם ער זאָל אַוועקגיין פון דער וועלט אין יונגען עלטער מיט אַ מיתה משונה רח"ל, ווערנדיג נידון מיט "ארבע מיתות", סקילה - דורך די גרויסע באַלקנס וואָס זענען געפאַלן אויף איהם. שריפה - צוליב דעם העלישן פייער וואָס האָט דאָרט געפלאַקערט. הרג און חנק רח"ל. ער שילדערט אז ער האָט געטראַכט ביי זיך, די חז"ל זאָגן דאָך אַז די באַלקנס פון הויז זאָגן עדות אויפ'ן מענטש ביים יום הדין (תענית יא.), דאָס זענען די זעלבע באַלקנס וואָס וועלן יעצט דורכפירן אויף איהם דעם משפט ח"ו, ווי דער פסוק זאָגט (דברים יז, ז) "יד העדים תהיה בו בראשונה להמיתו".

און אַזוי איז ער געלעגן צווישן די חורבות אַ דריטל אָדער אַ פערטל שעה. אָבער אינצווישן האָט דאָס פייער זיך אָפּגעשטעלט און דער עולם האָט אָנגעהויבן פרובירן אַרויסנעמען די מענטשן וואָס זענען געווען פאַרכאַפּט אין די חורבות פון די הייזער צוליב דעם פייער, אָבער ליידער, האָבן זיי אויך באַטרעטן רח"ל אַ סאַך מענטשן ווען זיי האָבן זיי געוואָלט ראַטעווען.

ער פירט אויס: צום סוף, ליגענדיג דאָרט, איז מיין מצב געוואָרן אביסל בעסער און איך בין שוין אַרויס פון אַ זיכערן טויט רח"ל צו אַ ספק נפשות ח"ו. האָב איך דעמאָלטס געזאָגט צו זיך אליין, אָט געפין איך זיך דאָ צווישן דעם באַרג מיט שטיינער, אויב דער אויבערשטער וועט מיך העלפן, און ער וועט מיך אַרויסנעמען פון דעם אָרט גאַנצערהייט, כ'זאָל לעבן, און ער וועט בויען פאַר מיר אַ הויז וואו איך זאָל קענען לערנען תורה מיט תלמידים, וועל איך בעזהשי"ת זיצן צווישן די ווענט פון בית המדרש, און לערנען די סוגיות פון ש"ס און די פוסקים בעיון וכו', און 'נעכטיגן' אין די טיפענישן פון הלכה וכו'.

נאָך איידער איך האָב געענדיגט רעדן די ווערטער צו מיין האַרץ, "שמע ה' בקול עניי" - האָט דער אויבערשטער געהערט מיין געשטיקטן קול, און איך האָב געפונען אַ וועג ארויס צו גיין צווישן די באַלקנס פון הויז. עס האט זיך פלוצלינג געעפנט פאַר מיר ממש אַ גלייכער וועג (צו גיין), און איך בין אַרויס לחיים ולשלום אָן קיין שום היזק ח"ו. דעמאָלטס האָב איך געוואוסט אַז דאָס איז געווען א נס פון דעם אויבערשטען, ווייל עס איז ממש געווען אַ פלאץ וואו עס זענען נישט געווען קיין רעטערס וכו', ע"כ.

**יט.** עס ווערט געברענגט אין ספר "בית ישראל" השלם (בשם הרב ר' פנחס בלאַנק, וואָס האָט געהערט פון הרה"צ רבי מיכאל הערמאַן זצ"ל), אַז הרה"ק רבי דוד'ל בידערמאַן זי"ע אדמו"ר מלעלוב אין ירושלים, האָט געזאָגט אַ סגולה פאַר אַ חולה רח"ל, מ'זאל נעמען אויל און זאָגן, דער רמב"ם איז געווען אַ דאָקטאָר, און אין זיין זכות זאָל דער אויבערשטער שיקן אַ רפואה שלימה פאַר פלוני בן פלוני, און דאָס אויל זאָל מען אָנצינדן ביים ציון פונעם רמב"ם (יומא דהילולא, כ' טבת) ביי די ערשטע געלעגנהייט, זי"ע.

**כ.** שוב"ב ראשי תיבות ש'מחים ב'צאתם ו'ששים ב'בואם. שובבי"ם ראשי תיבות ש'פע ב'רכה ו'הצלחה ב'כל מ'עשה י'דינו, אמן.